בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

גִּלְיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אידיש

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון פ"ג

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת חיי שרה
שנת תשפ"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

### וִויסְן דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן מְחַנֵּךְ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער

בְּרוּכִים הַבָּאִים בְּשֵׁם ה', אַלֶע חָשׁוּבְ'ע מְחַנְּכִים, מְלַמְּדִים אוּן אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן 'חִינּוּךְ הַיְלָדִים', מְחַנֵּךְ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אִיךְ אַייל זִיךְ יֶעצְט צוּ פָארְן בַּאזוּכְן דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה אִין קִרְיַת יוֹאֵל, וֶועל אִיךְ יֶעצְט נָאר רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער וָואס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ וִויסְן.

דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס אַ מְלַמֵּד דַארְף וִויסְן כְּדֵי צוּ קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין אִיז: עֶר זָאלְן וִויסְן בַּיי זִיךְ 'וָואס טוּ אִיךְ', אוּן 'וָואס אִיז מַיין אַרְבֶּעט'.

וֶוען מֶען וֵוייסְט דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן מְחַנֵּךְ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, דִי הֵיילִיגֶע אַלֶף בֵּית אוּן עִבְרִי, דִי הֵיילִיגֶע דַאוֶוענֶען, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אִיז זֵייעֶר גְרִינְג דִי אַרְבֶּעט.

### אִיךְ דְרֵיי נִישְׁט אַן אַייזְן אוּמְזִיסְט

אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעלֵיינְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט אִין רוּסְלַאנְד. דִי רוּסְן הָאבְּן אַיינְגֶעשְׁפַּארְט מֶענְטְשְׁן אִין תְּפִיסָה, זֵיי הָאבְּן גֶעהֵייסְן דִי מֶענְטְשְׁן זֵיי זָאלְן אַרְבֶּעטְן אִין תְּפִיסָה, זֵיי זָאלְן אַ גַאנְצְן טָאג דְרֵייעֶן גְרוֹיסֶע מִילְשְׁטֵיינֶער, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, מֶען הָאט זֵיי אַיינְגֶערֶעדְט אַז אִינְדְרוֹיסְן לֵייגְט מֶען אַרַיין אִינֶעם מִיל וַוייץ אוּן דוּרְכְ'ן דְרֵייעֶן דֶעם אַייזְן קוּמְט אַרוֹיס מֶעל. דִי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעפָאלְגְט, פַאר גַאנְצֶע צֶען יָאר הָאבְּן זֵיי גֶעאַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער, פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז פַארְנַאכְטְס הָאבְּן זֵיי גֶעדְרֵייְדְט דֶעם אַייזְן.

נָאךְ צֶען יָאר זֶענֶען דִי מֶענְטְשְׁן גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ לִיגְנְט, אִינְדְרוֹיסְן אִיז נִישְׁטָא קַיין וַוייץ, עֶס קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין מֶעל, זֵיי הָאבְּן אוּמְזִיסְט גֶעדְרֵייְדְט דֶעם אַייזְן פַאר גַאנְצֶע צֶען יָאר! זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט אוּן צֶעבְּרָאכְן, בִּיז זֵיי זֶענֶען דֶערְפוּן קְרַאנְק גֶעוָוארְן אוּן גֶעשְׁטָארְבְּן.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם, וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט 'אִיךְ טוּ עֶפֶּעס אוֹיף', 'אִיךְ בִּין עֶפֶּעס וֶוערְד', עֶס גֵייט אַרַיין וַוייץ אוּן עֶס קוּמְט אַרוֹיס מֶעל, הָאט עֶר כֹּחַ צוּ דְרֵייעֶן אַן אַייזְן צֶען יָאר, אָבֶער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעוואוֹיר אַז עֶר הָאט סְתָּם גֶעדְרֵייְדְט מִיט דִי הַאנְט אוּן גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּן, קֶען עֶר פוּן דֶעם אַלֵיינְס שְׁטַארְבְּן.

מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס קוּמֶען - טָאג אַיין טָאג אוֹיס - אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער נָאךְ אַ טָאג, נָאךְ אַ וָואךְ, נָאךְ אַ חוֹדֶשׁ אוּן נָאךְ אַ יָאר, דַארְפְן זֵיי וִויסְן: 'וָואס טוּ אִיךְ? - אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיךְ גְרֵייט אָן אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה וֶועג, זֵיי זָאלְן לֶעבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס וֶועג'.

אוֹיבּ מֶען וֵוייסְט דֶער כְּלַל, אִיז מֶען פְרֵיילִיךְ, גוּטְמוּטִיג אוּן מֶען הָאט כֹּחַ אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער.

### אַרַיין בְּלָאזְן אַ הָאפֶענוּנְג אִינֶעם פַּאצִיעֶנְט

אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן שְׁטֶעטְל הָאט גֶעהַאט אַן אַפֶּענְדִיקְס רַחֲמָנָא לִצְלָן, דִי חֶבְרָה הַצָּלָה הָאט אִים אַרַיינְגֶעפִירְט אִין שְׁפִּיטָאל, מֶען הָאט אִים גֶעמַאכְט אַן אַפֶּערַאצְיֶע אוּן אַלֶעס אִיז בָּרוּךְ ה' אַרִיבֶּער פֵיין, בִּיז דֶער דָאקְטֶער הָאט בַּאמֶערְקְט אַז זַיין אָטֶעם כַאפְּט זִיךְ נִישְׁט גֶעהֶערִיג צוּרִיק, זַיינֶע לוּנְגֶען זֶענֶען אָנְגֶעלֵייגְט וְכוּ', הָאט מֶען אִים גֶעדַארְפְט אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיף אַ רֶעסְפֶּערֶעיטָאר אִין אֵיי סִי יוּ, עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעלִיגְן אִין שְׁפִּיטָאל פַארְשְׁלַאפְט, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט גְרוֹיס רַחֲמֵי שָׁמַיִם.

## הָאפֶענוּנְג אוּן שְׁטַארְקֵייט

בָּרוּךְ ה' אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי לָאזְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ פַארְלִירְן, דֶער רֶבִּי לֵייגְט אַרַיין אִין אוּנְז אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זִיסֶע טְרֶערְן, נִישְׁט מִיט זַאלְצִיגֶע טְרֶערְן, מֶען הָאט גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט הָאפֶענוּנְג אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן אוּן שִׁיקְן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה.

נֶעכְטְן נַאכְט רוּפְט מִיר זַיין וַוייבּ פְרֶעגְן וָואס זִי זָאל טוּן, הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעזָאגְט, זִי זָאל גֵיין צוּ אִיר מַאן, זִי זָאל אִים אַרַיינְזָאגְן עֶטְלִיכֶע מָאל אִין אוֹיעֶר: **"דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט!" "דוּ גֵייסְט זַיין גֶעזוּנְט!"** אֲפִילוּ עֶר אִיז פַארְשְׁלַאפְט - הֶערְט עֶר יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים.

שְׁפֶּעטֶער רוּפְט זִי צוּרִיק אוּן דֶערְצֵיילְט מִיר אַז זִי הָאט דָאס גֶעטוּן, אוּן גְלַייךְ הָאט זִי גֶעזֶען וִוי עֶר הֵייבְּט זִיךְ אָן רִיקְן, הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעזָאגְט: **"זָאגְט עֶס אִיבֶּער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, וַוייל עֶר הֶערְט יֶעדֶעס וָוארְט!"**

הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן מֶען הָאט שׁוֹין גֶעקֶענְט רֶעדְן צוּ אִים, עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט רֶעדְן וַוייל עֶר הָאט נָאךְ גֶעהַאט דֶעם רֶעסְפֶּערֶעיטָאר אִין מוֹיל, אָבֶער זַיין שְׁוֶוער הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ אִים אוֹיף סְפִּיקֶער, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט, דוּ גֵייסְט זַיין גֶעזוּנְט, דוּ גֵייסְט שׁוֹין אַרוֹיס פוּן שְׁפִּיטָאל"**, בָּרוּךְ ה' פְרִיעֶר הֶער אִיךְ שׁוֹין דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפּ פוּן דִי רֶעסְפֶּערֶעיטָאר אוּן זַיין מַצָּב וֶוערְט בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער.

וָואס הָאט אִים גֶעגֶעבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן צוּ קֶעמְפְן זַיין קְרֶענְק? - דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער וָואס מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן!

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט דִי וֶוערְטֶער: **"דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט, דוּ גֵייסְט זַיין גֶעזוּנְט, דוּ קֶענְסְט, דוּ גֵייסְט קֶענֶען, פְּרוּבִּיר נָאכְאַמָאל דוּ גֵייסְט קֶענֶען"**, גֶעבְּט דָאס אַרַיין אִין אִים אַ הָאפֶענוּנְג זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַאלְן.

## דֶער אוֹיסְטֶערְלִישֶׁער כֹּחַ פוּן אַ גוּט וָוארְט

אִיךְ רֶעד יֶעדְן טָאג מִיט מַיין מַאמֶע תְּחְיֶ', הָאט זִי מִיר לֶעצְטְנְס דֶערְצֵיילְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר וָואס אִיז לֵיידֶער גֶעוֶוען זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן, עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעלִיגְן אִין שְׁפִּיטָאל אִין דִי אֵיי סִי יוּ אָפְּטֵיילוּנְג אִין זֵייעֶר אַ שְׁוֶועֶרֶע מַצָּב, בַּאהָאפְטְן צוּ אַ רֶעסְפֶּערֶעיטָאר מַאשִׁין, דִי דָאקְטוֹירִים הָאבְּן גֶעזָאגְט לוֹיט וִוי עֶס זֶעט אוֹיס הֶערְט עֶר שׁוֹין נִישְׁט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶטְץ זָאלְטְס קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן זֶען וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין שְׁפִּיטָאל אִין דִי אֵיי סִי יוּ אָפְּטֵיילוּנְג.

נָאךְ מַיין חֲתוּנָה פְלֶעג אִיךְ גֵיין אֵיין מָאל אַ וָואךְ נֶעכְטִיגְן אִין שְׁפִּיטָאל מִיט חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל, מִיט רְשׁוּת פוּן מַיין וַוייבּ, [נִישְׁט נָאר מִיט 'רְשׁוּת', נָאר זִי פְלֶעגְט מִיר בֶּעטְן אִיךְ זָאל גֵיין, וַוייל אִיר מַאמֶע אַרְבֶּעט בַּיי אַן אָרְגֶענִיזַאצְיֶע וָואס הֶעלְפְט אִין דֶעם גֶעבִּיט פוּן שִׁיקְן מֶענְטְשְׁן צוּ אִיבֶּער נֶעכְטִיגְן מִיט חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל], הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אִין דִי אֵיי סִי יוּ אָפְּטֵיילוּנְג וִוי עֶס לִיגְן נֶעבֶּעךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוֹיף בֶּעטְלֶעךְ אֵיינְס נֶעבְּן דִי אַנְדֶערֶע; עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג דָאס צוּצוּזֶען.

לְמַעֲשֶׂה הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אוּן בִּיז אַפָּאר טֶעג הָאט דֶער בָּחוּר'ל גֶעעֶפְנְט זַיינֶע אוֹיגְן, עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ הֵיילְן, אוּן בָּרוּךְ ה' בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט הָאט מֶען זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן גְרֵייטְן צוּ מַאכְן אַ 'סְעוּדַת הוֹדָאָה'.

הָאט דֶער בָּחוּר'ל גֶעזָאגְט פַאר זַיין טַאטֶע: אִיךְ וִויל מֶען זָאל רוּפְן צוּם 'סְעוּדַת הוֹדָאָה' אֵיינֶע פוּן דִי דָאקְטוֹירִים וָואס אַרְבֶּעטְן אִין יֶענֶע שְׁפִּיטָאל, וַוייל וֶוען אִיךְ בִּין גֶעלִיגְן אִין שְׁפִּיטָאל פַארְשְׁלַאפְט, הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט וִוי אַלֶע זָאגְן אוֹיף מִיר קְלָאר: **"עֶר גֵייט עֶס נִישְׁט מַאכְן"**, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין טְרָאפּ כֹּחַ אִין מִיר צוּ וֶועלְן קֶעמְפְן מַיין קְרֶענְק, וַוייל אִיךְ וֵוייס דָאךְ אַז אִיךְ גֵיי סַיי וִוי עֶס נִישְׁט אִיבֶּער לֶעבְן, פְּלוּצְלִינְג הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט וִוי יֶענֶער דָאקְטֶער רוּפְט זִיךְ אָן: **"עֶר קֶען עֶס נָאךְ מַאכְן, עֶר גֵייט זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן, עֶר גֵייט עֶס אִיבֶּער לֶעבְן"**, זַיינֶע וֶוערְטֶער הָאבְּן מִיר גֶעגֶעבְּן כֹּחַ אוּן מוּט צוּ וֶועלְן קֶעמְפְן מַיין קְרֶענְק, עֶנְדְלִיךְ הֶער אִיךְ וִוי אֵיינֶער גֶעבְּט נָאךְ הָאפֶענוּנְג אוֹיף מִיר, הָאבּ אִיךְ (כִּמְעַט) טוֹיטֶערְהֵייט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט צוּ קֶעמְפְן מַיין קְרֶענְק, אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן אוּן אִיךְ קֶען פְּרַאוֶועןַ אַ סְעוּדָה הוֹדָאָה!

דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן אָנְגֶערוּפְן דֶעם דָאקְטֶער אוּן אִים אַיינְגֶעלַיידְנְט צוּם סְעוּדַת הוֹדָאָה, וֶוען דֶער דָאקְטֶער אִיז גֶעקוּמֶען הָאט זִיךְ דֶער בָּחוּר אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן דֶערְצֵיילְט זַיין גֶעשִׁיכְטֶע זַייעֶנְדִיג אִין שְׁפִּיטָאל, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם דָאקְטֶער: **"דוּ הָאסְט גֶערַאטֶעוֶועט מַיין לֶעבְּן! אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעלִיגְן כִּמְעַט טוֹיט, אָן קַיין טְרָאפּ כֹּחַ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעהֶערְט צוּ אַלֶע שְׁמוּעֶסְן וִוי אַלֶע הָאבְּן גֶעזָאגְט קְלָארֶע וֶוערְטֶער: 'עֶר גֵייט עֶס נִישְׁט מַאכְן', אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ צוּ וֶועלְן קֶעמְפְן מַיין קְרֶענְק, פְּלוּצְלִינְג הֶער אִיךְ וִוי דוּ זָאגְסְט אַז אִיךְ גֵיי עֶס יָא דוּרְכְלֶעבְן, דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן כֹּחַ צוּ קֶעמְפְן מַיין קְרֶענְק אוּן אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיסְגֶעהֵיילְט!"**

רוּפְט זִיךְ דֶער דָאקְטֶער אָן: **"זָאלְסְט וִויסְן, אִיךְ הָאבּ עֶס אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעזָאגְט פַאר דִיר... אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן אוֹיף דִיר דִי זֶעלְבֶּע פוּן יֶעדְן אַז דוּ גֵייסְט עֶס 'נִישְׁט' מַאכְן, וַוייל לוֹיט דַיין מַצָּב וָואלְסְטוּ עֶס טַאקֶע נִישְׁט גֶעקֶענְט מַאכְן! נָאר נֶעבְּן דִיר אִיז גֶעלִיגְן אַ צְוֵייטֶער מֶענְטְשׁ, אוֹיף יֶענֶעם הָאבּ אִיךְ דָאס גֶעזָאגְט אוּן דוּ הָאסְט גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ מֵיין דִיר, אוּן דָאס הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן כֹּחַ צוּ וֶוערְן גֶעזוּנְט!"**

אַלֶע בַּאטֵיילִיגְטֶע אִינֶעם סְעוּדַת הוֹדָאָה הָאבְּן זִיךְ צֶעוֵויינְט, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען דֶער אוֹיסְטֶערְלִישֶׁער כֹּחַ פוּן אַ גוּט וָוארְט, וָואס עֶס טוּט אוֹיף וֶוען מֶען לֵייגְט אַרַיין הָאפֶענוּנְג אִין אַ מֶענְטְשׁ!

## אַ הָאפֶענוּנְג אִין דִי תַּלְמִידִים אוּן אִין זִיךְ אַלֵיינְס

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְפְן מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס טוּן מִיט קִינְדֶער. אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט גֶערוּפְן אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל צוּ צֶעבְּרֶעכְן דִי קִינְדֶער, אָדֶער צוּ אָנְטַייטְלֶען אוֹיף אַ קִינְד 'דֶער קֶען נִישְׁט', 'דֶער טוֹיג נִישְׁט' אוּן 'דֶער אִיז גָארְנִישְׁט', אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער, אַרַיין צוּ לֵייגְן אִין זֵיי אַ זִיכֶערְקֵייט: 'דוּ קֶענְסְט!' אוּן: 'עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט יֶעצְט, דוּ גֵייסְט בַּאלְד קֶענֶען'.

אוֹיבּ אִיז דָא אַ קִינְד אִין כִּתָּה וָואס אַלֶע זָאגְן אִים: **"דוּ וֶועסְט עֶס נִישְׁט מַאכְן"**, **"דוּ וֶועסְט עֶס נִישְׁט מַאכְן"**, וֶועט עֶר עֶס אַוַודַאי נִישְׁט מַאכְן, וַוייל אַלֶע זֶענֶען אִים מְיַיאֵשׁ פוּן נִיצְן זַיינֶע כֹּחוֹת צוּ וֶועלְן נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן זַיין גוּט, אָבֶּער אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד אָדֶער דִי לֶערֶערִין זָאגְט: **"דוּ וֶועסְט עֶס יָא מַאכְן"**, **"דוּ קֶענְסְט יָא"**, **"דוּ בִּיסְט יָא"**, אוּן וֶוען דֶער קִינְד עֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ קֶען נִישְׁט קָאלֶערְן", אִיז מֶען אִים מְחַזֵּק מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער: **"דוּ קֶענְסְט יָא, מַאךְ אַזוֹי אוּן מַאךְ אַזוֹי"**, **"אוֹי, דוּ מַאכְסְט אַזוֹי שֵׁיין"**, **"דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט"**, - וֶועט עֶר צוּם סוֹף עֶס קֶענֶען מַאכְן.

אוֹיךְ דַארְפְן דִי מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס זַיין שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אַלֵיינְס: 'אִיךְ קֶען אוּן יֶעדֶער וֶועט קֶענֶען', זִיךְ נִישְׁט זֶעלְבְּסְט אַרָאפּ קְלַאפְּן 'אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט, אִיךְ טוֹיג נִישְׁט אִין מַיין אַרְבֶּעט', וַוייל דֶעמָאלְט קֶען מֶען טַאקֶע נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין.

## וָואס אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִין לֶעבְּן?

גֶעדֶענְקְט וָואס אִיז דֶער עִיקָר; דֶער עִיקָר אִיז אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער, יֶעדֶעס קִינְד זָאל בַּאקוּמֶען אַ גוּט וָוארְט, יֶעדֶעס קִינְד זָאל בַּאקוּמֶען אַ שְׁמֵייכְל, יֶעדֶעס קִינְד זָאל בַּאקוּמֶען אַ גְלֶעט; דָאס אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט פַאר אַ קִינְד.

אַלְס קִינְד וֶוען מַיין מַאמֶע הָאט מִיךְ גֶעפִּיטֶערְט נַאכְטְמָאל, הָאט זִי מִיר דֶערְצֵיילְט אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַעֲשֶׂה, עַד הַיּוֹם גֶעדֶענְק אִיךְ נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטָאט וָואס הָאט גֶעוָואלְט גֶעוואוֹיר וֶוערְן 'וָואס אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַאר אַ מֶענְטְשְׁנְס לֶעבְּן', הָאבְּן זֵיי גֶענוּמֶען אַפָּאר הוּנְדֶערְט גוֹי'אִישֶׁע בֶּעיבִּי'ס פוּן שְׁפִּיטָאל, מֶען הָאט זֵיי אַוֶועק גֶענוּמֶען פוּן זֵייעֶרֶע מַאמֶעס אוּן אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין אַ פַארְמַאכְטֶע בִּנְיָן, מֶען הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן עֶסְן אוּן אַלֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן דוּרְךְ מַאשִׁינֶען, אָן דָאס לִיבְשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט פוּן אַ מַאמֶע, מִיט דִי צַייט זֶענֶען אַלֶע בֶּעבִּיס אוֹיסְגֶעשְׁטָארְבְּן, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט דִי גְלֶעט אוּן דָאס אַרוּם הַאלְזְן פוּן דִי מַאמֶע!

אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ פָאר אַז דִי מַעֲשֶׂה אִיז נִישְׁט אֱמֶת, אָבֶּער דָאס אִיז אַן 'אֱמֶת'עֶר מָשָׁל'. אַ קִינְד דַארְף זֵייעֶר וִויכְטִיג מֶען זָאל רֶעדְן מִיט אִים, אִים גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט; דָאס אִיז בַּיי אִים נָאךְ וִויכְטִיגֶער וִוי עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען.

וֶוען מֶען קוּמְט אַרַיין אִין אַ שׁוּלֶע אוּן מֶען זֶעט וִוי עֶס טוּט זִיךְ, לֶערֶערִינְס קוּמֶען אוּן גֵייעֶן, דִי תַּלְמִידוֹת הָאבְּן פָאלְדֶערְס אוּן בִּיכֶער, עֶס קוּקְט אוֹיס וִוי אַלֶעס קְלַאפְּט, - אוֹיבּ אִיז נִישְׁטָא דָארְט קַיין הַאֶרֶץ, קֵיינֶער קוּקְט זִיךְ נִישְׁט אוּם אוֹיף דִי קִינְדֶער מִיט הַאֶרֶץ, דִי קִינְדֶער בַּאקוּמֶען נִישְׁט קַיין גוּטֶע וֶוערְטֶער, קֵיינֶער זָאגְט זֵיי נִישְׁט: **"דַיינֶע שִׁיךְ זֶענֶען שֵׁיין"**, **דַיין הָאר אִיז שֵׁיין"**, **"דַיינֶע אוֹיעֶר רִינְגְלֶעךְ זֶענֶען שֵׁיין"**, **"בִּיסְט אַזוֹי צוּקֶערְדִיג"**, - פֶעלְט דֶער עִיקָר פוּן דִי שׁוּלֶע.

אֲפִילוּ בַּיי אִינְגְלֶעךְ וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט רֶעדְן צוּ זֵיי פוּן דִי שִׁיךְ אוּן קְלֵיידוּנְג, דַארְף מֶען אָבֶּער אוֹיךְ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, **"בִּיסְט אַזַא וואוֹיל קִינְד"**, **"בִּיסְט אַזַא גוּט קִינְד"**, **"בִּיסְט אַזַא טֵייעֶר קִינְד"**.

## עֶס גֶעשֶׁעט גָארְנִישְׁט אוֹיבּ אַ קִינְד כַאפְּט נִישְׁט אוֹיף דֶעם לִימוּד

טֵייעֶרֶע מְחַנְּכִים, אִיךְ בֶּעט עֶנְק זֵייעֶר; עֶס קֶען זַיין אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ הֶערְן וָואס אִיךְ גֵיי עֶנְק יֶעצְט זָאגְן, אָבֶּער הֶערְטְס וָואס אִיךְ זָאג עֶנְק.

מֶען דַארְף טַאקֶע לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אַלֶע לִימוּדִים, מֶען דַארְף אָנְפִילְן דֶעם טָאג, אָבֶּער אִין עֶנְקֶער קָאפּ זָאלְסְט עֶטְץ גוּט וִויסְן 'אֲפִילוּ אוֹיבּ אַ קִינְד וֶועט נִישְׁט קֶענֶען רֶעכֶענֶען וֶועט גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁען!'

עֶס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אָנְגְרֵייטְן צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, זִיכֶער דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען רֶעכֶענֶען, אָבֶּער שְׁטִילֶערְהֵייט אִין קָאפּ דַארְפְט עֶטְץ וִויסְן אַז עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁען וֶוען אַ תַּלְמִידָה קֶען נִישְׁט רֶעכֶענֶען, דָאס וֶועט אִיר גָארְנִישְׁט שְׁטֶערְן אוֹיף נָאךְ דִי חֲתוּנָה.

אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ וֶוען אֵיינֶע פוּן מַיינֶע שְׁוֶועסְטֶערְס אִיז גֶעוֶוען קְלֵיין הָאט דִי מְנַהֶלֶת אָנְגֶערוּפְן מַיין מַאמֶע זָאגְן: **"דַיין קִינְד קֶען נִישְׁט אַרוֹיפְגֵיין קוּמֶענְדִיגֶע יָאר צוּ דִי הֶעכֶערֶע קְלַאס, וַוייל מֶען הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען רֶעכְנְט 'פְּלָאס' אוּן זִי קֶען עֶס נָאכְנִישְׁט, זִי כַאפְּט נִישְׁט אוֹיף אַז אֵיין עֶפְּל מִיט נָאךְ אַן עֶפְּל אִיז צְוֵויי עֶפְּלֶעךְ!"** הָאט מַיין מַאמֶע גֶעבֶעטְן דִי מְנַהֶלֶת: **"וָואס גֵייט אַייךְ אָן אַז זִי וֵוייסְט דָאס נִישְׁט, זִי שְׁטֶערְט נִישְׁט אִין קְלַאס, זִי אִיז נִישְׁט קַיין מְחֻצֶּפֶת, לָאזְט אִיר מִיטְגֵיין מִיט אַלֶע מֵיידְלֶעךְ"**, אוּן דִי מְנַהֶלֶת הָאט טַאקֶע צוּגֶעהֶערְט צוּ מַיין מַאמֶע אוּן אִיר גֶעלָאזְט מִיטְגֵיין מִיט אַלֶע מֵיידְלֶעךְ.

הַיינְט וֵוייסְט זִי שׁוֹין אַז אֵיין עֶפְּל מִיט נָאךְ אַן עֶפְּל אִיז צְוֵויי עֶפְּלֶעךְ... עֶס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁעְן אַז זִי הָאט עֶס נִישְׁט גֶעכַאפְּט צוּזַאמֶען מִיט יֶעדְן.

## דֶעם מִיטְל וֶועג

מֶען דַארְף זַיין קְלוּג צוּ כַאפְּן דֶעם מִיטְל וֶועג, נִישְׁט זַיין עֶקְסְטְרֶעם אוֹיף קַיין אֵיין זַייט. עֶס זֶענֶען דָא מְלַמְּדִים וָואס מַאכְן אָפּ: 'קֵיינֶער דַארְף גָארְנִישְׁט קֶענֶען', ווִידֶער זֶענֶען דָא מְלַמְּדִים וָואס מַאכְן אָפּ: 'אַלֶע קִינְדֶער דַארְפְן קֶענֶען!' דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג אִיז צוּ נֶעמֶען דֶעם מִיטְל וֶועג, אַלֶע קִינְדֶער דַארְפְן לֶערְנֶען, אָבֶער עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁעְן אוֹיבּ מֶען קֶען נִישְׁט!

מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אָבֶער פוֹיל, דֶערִיבֶּער אִיז מֶען עֶקְסְטְרֶעם; אָדֶער לָאזְט מֶען דִי קִינְדֶער אַלֶעס טוּן, אַרַיינְלֵייגְן אַ מֵייעֶר אִין דֶעם טַאטְנְס אוֹיעֶר, שְׁלֶעפְּן דֶעם טַאטְנְס שְׁטְרַיימְל אוּן זַיין בָּארְד... אָדֶער דַארְפְן דִי קִינְדֶער זַיין וִוי סָאלְדַאטְן אוּן מֶען הַרְגְ'עט דִי קִינְדֶער, - אַזוֹי גֵייט עֶס אִין דִי וֶועלְט, עֶס אִיז נִישְׁטָא עֶפֶּעס אִינְדֶערְמִיט; אָבֶער אִין 'הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ' לֶערְנְט מֶען אוֹיס: **"גֵיי אִינְדֶערְמִיט"**, דִי קִינְדֶער קֶענֶען נִישְׁט טַאנְצְן אוֹיף דִיר, אוּן דוּ דַארְפְסְט זֵיי נִישְׁט הַרְגְ'עֶנֶען.

## דֶער וֶועג פוּן 'הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ'

מִיר קוֹיפְן אָפּ נָאךְ בִּנְיָנִים פַאר דִי מוֹסְדוֹת. נֶעכְטְן הָאבְן מִיר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אָפְּגֶעקוֹיפְט אַ גְרוֹיסֶער בִּנְיָן פַאר דִי חֵדֶר, מֶען לֵייגְט דָאס אַוֶועק אוֹיף דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָארְן הבעל"ט, כְּדֵי מֶען זָאל הָאבְן וואוּ צוּ פְּלַאצִירְן דִי אִינְגְלֶעךְ, דִי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין אָפְּגֶעטֵיילְט פוּן דִי יוּנְגֶערֶע. ווִיל אִיךְ עֶנְק בֶּעטְן, וֶוען דִי מְחַנְּכִים פוּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָארְן וֶועלְן זִיךְ קוּמֶען דוּרְכְרֶעדְן מִיט עֶנְק, זָאלְט עֶטְץ זֵיי אִיבֶּער גֶעבְּן וָואס מֶען הָאט דָא גֶעלֶערְנְט אִין 'הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ', דִי וֶועג פוּן **"גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר קִינְדֶער"**, אַז מִיט אַפָּאר גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאלְן אַוֶועק אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

אַז עֶס אִיז דָא אַ תַּלְמִידָה וָואס קוּמְט נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף, אוֹיבּ וֶועט מֶען אִיר זָאגְן: **"בִּיסְט אַ בָּאם"**, **בִּיסְט אַן אוֹיסְוָוארְף"**, וֶועט עֶס גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, פַארְקֶערְט זִי וֶועט גֵיין מַטָּה מַטָּה הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וָואס וֶועט הֶעלְפְן זִי זָאל זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן אִיז מִיט גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער, מֶען זָאל אִיר זָאגְן: **"בִּיסְט גוּט"**, **"בִּיסְט וואוֹיל"**, **"בִּיסְט אַ נְשָׁמָה"**, **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ"**, **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיךְ"**, אַז זִי וֶועט הֶערְן אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע וַוארֶעמֶע וֶוערְטֶער אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל וֶועט זִי טְרַאכְטְן: 'אַז אִיךְ בִּין אַזוֹי חָשׁוּב, ווִיל אִיךְ זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן!' אוּן זִי וֶועט אָנְהֵייבְּן צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן מֶער אוּן מֶער בִּצְנִיעוּת.

## מַיין רֶבִּי טְרַאכְט פוּן מִיר

פְרִיעֶר נָאךְ שַׁחֲרִית אִיז גֶעוֶוען אַ לְחַיִּים לְכָבוֹד אַ בַּר מִצְוָה פוּן אַ תַּלְמִיד פוּן חֵדֶר, עֶטְלִיכֶע מְלַמְּדִים זֶענֶען נִישְׁט דָארְט גֶעוֶוען, הָאבּ אִיךְ אַרוֹיפְגֶעשִׁיקְט קֶעיק צוּ זֵיי אִין כִּתָּה. אִיז אֱמֶת אַז עֶס הָאט עֶנְק גֶעשְׁמֶעקְט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שִׁיקְט עֶנְק אַרוֹיף אַ שְׁטִיקְל קֶעיק? - יָא! אֵיי, וָואס הָאבּ אִיךְ דִיר דֶען גֶעגֶעבְּן, אַ שְׁטִיקְל קֶעיק, עֶטְץ הָאטְס נִישְׁט קַיין קֶעיק אִינְדֶערְהֵיים? וָואס וֶוערְט מֶען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ פוּן אַ שְׁטִיקְל קֶעיק?! - נָאר דִי הֲנָאָה אִיז דָאס גֶעפִיל וָואס מֶען שְׁפִּירְט אִין הַארְץ: 'מַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה טְרַאכְט פוּן מִיר!'

דָאס הָאבּ אִיךְ סְפֶּעצִיעֶל גֶעטוּן כְּדֵי דִי מְלַמְּדִים זָאלְן אַבִּיסְל שְׁפִּירְן דָאס וָואס אַ קִינְד שְׁפִּירְט וֶוען 'זַיין מְלַמֵּד' גֶעבְּט אִים עֶפֶּעס, עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק פַאר אַ קִינְד צוּ שְׁפִּירְן אַז זַיין רֶבִּי טְרַאכְט פוּן אִים.

## מִיט וָואס בַּאלוֹינְט מֶען קִינְדֶער?

וֶוען מֶען ווִיל בַּאלוֹינֶען תַּלְמִידִים דַארְף מֶען ווִיסְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן פוּן זֵיי, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, מֶען קֶען נִישְׁט גֶעבְּן 'אַ פְּלֶעסְטִיק קָאפּ' פַאר וֶוער עֶס דַאוֶוענְט שֵׁיין, דָאס טָאר מֶען נִישְׁט טוּן, מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן קַיין לֵיצָנוּת פוּן קִינְדֶער, אָבֶער מֶען קֶען גֶעבְּן קְלֵיינִיקֵייטְן, לְמָשָׁל, אַ פֶּעדֶער, אַ בְּלַיי, אַ מֶעקֶער, אַ פְּלֶעשׁ לֵייט אוּן דָאס גְלַייכְן.

דֶער מְנַהֵל הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז אַ בָּחוּר וָואס דְרֵייוְוט אַ בָּאס הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער אוֹיפְ'ן בָּאס: **"וֶוער עֶס גֵייט בֶּעטְן פַאר מִיר 'צֶען טוֹיזְנְט תְּפִילוֹת' אִיךְ זָאל אַ חָתָן וֶוערְן, וֶועט בַּאקוּמֶען צֶען דָאלֶער"**, - דָאס קֶען מֶען נִישְׁט טוּן, מֶען מַאכְט נִישְׁט קַיין בִּיזְנֶעס מִיט קִינְדֶער, וָואס יָא? - אוֹיבּ מֶען ווִיל אַמָאל בַּאלוֹינֶען קִינְדֶער קֶען מֶען זֵיי גֶעבְּן אַ קְלֵיינִיקֵייט.

יָארְן צוּרִיק הָאט אֵיינֶער פוּן דִי מְלַמְּדִים אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַ גוּטֶע הַמְצָאָה, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ כִּתָּה פוּן פִינְף קִינְדֶער, הָאט עֶר יֶעדְן פְרַייטָאג אַהֵיים גֶעשִׁיקְט אֵיין אִינְגְל מִיט אַ בָּאטְל גְרֶעיפְּדְזְשׁוּס מִיט אַ סְטִיקֶער אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן: **"דֶער בֶּעסְטֶער אִינְגְל!"** הַיינְט אַז מִיר הָאבְּן צְוָואנְצִיג קִינְדֶער אִין אַ כִּתָּה אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶענוּג אֵיין בָּאטְל גְרֶעיפְּדְזְשׁוּס פַאר אַ כִּתָּה, קֶען מֶען נֶעמֶען צְוֵויי בָּאטְלֶעךְ אַ וָואךְ, אֵיין 'טוּנְקֶעלֶע בָּאטְל' פַאר דִי סְעוּדָה פוּן שַׁבָּת בַּיינַאכְט, אוּן אֵיין 'לִיכְטִיגֶע בָּאטְל' פַאר דִי סְעוּדָה פוּן שַׁבָּת צוּפְרִי, אַזוֹי וֶועט עֶס גֵיין שְׁנֶעלֶער אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן קֶענֶען גֶעווּאוּנֶען.

דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע הַמְצָאָה, וַוייל דָאס נֶעמְט אַרַיין דֶעם קִינְד צוּזַאמֶען מִיט זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן דָאס וֶועט מַאכְן עֶר זָאל זִיךְ וֶועלְן אוֹיפְפִירְן גוּט. יֶעדֶער מְלַמֵּד קֶען אוֹיפְקוּמֶען מִיט נָאךְ הַמְצָאוֹת.

## גִיסְן אֱמוּנָה

עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג פַאר מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס צוּ רֶעדְן זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן 'אֱמוּנָה', אַז נִישְׁט וֶועט מֶען דַארְפְן טְרָאגְן אַלֶע קִינְדֶער צוּ טֶערֶעפִּי.

אַסַאךְ מָאל פַּאסִירְט אַז אַ קִינְד הָאט עֶרְגֶעץ וואוּ גֶעהֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן גֵיהִנּוֹם אוֹיף נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, אוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז אִים גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֶעקְן אִין קָאפּ, עֶר דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם מִיט שְׁרֶעק זַייעֶנְדִיג זִיכֶער אַז עֶר גֵייט בְּרֶענֶען אִין גֵיהִנּוֹם. מֶען קֶען שׁוֹין בַּאלְד נִישְׁט נָאכְגֵיין וואוּ דִי וֶועלְט הַאלְט מִיט טֶערֶעפִּי, מֶען נֶעמְט שׁוֹין הַיינְט שְׁטִילֶערְהֵייט כִּמְעַט יֶעדֶע קִינְד צוּ טֶערֶעפִּי, אֵיינֶער זָאל רֶעדְן צוּ אִים וְכוּ', יֶעדֶער קִינְד הָאט אַן אַנְדֶערֶע פַּחַד, אֵיינֶער הָאט מוֹרָא פוּן בֶּערְן, אֵיינֶער פוּן שְׁנֵיי, אֵיינֶער פוּן בְּלִיצְן, אֵיינֶער פוּן דִינֶערְן אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס דֶעם מֶעטָאד אוּן דֶעם מֶעטָאד, יֶעדֶער בַּאקוּמְט אַן אַנְדֶערֶע עֶ"י בִּ"י סְ"י פוּן וָואס עֶר לַיידְט.

דָאס אַלֶעס אִיז ווִילַאנְג מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פוּן רֶבִּי'ן, מֶען לֶעבְּט נִישְׁט מִיט אֱמוּנָה, דֶערְפַאר אִיז מֶען פוֹל מִיט שְׁרֶעק, אָבֶער אַז דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס וֶועלְן גִיסְן אֱמוּנָה, מֶען וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועלְן אַלֶע פְּחָדִים אַוֶועקְגֵיין אוּן מֶען וֶועט גָארְנִישְׁט דַארְפְן.

אַז מֶען וֶועט אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ דֶעם גֶעדַאנְק, 'אִיךְ דְרֵיי נִישְׁט קַיין אַייזְן אוּמְזִיסְט, נָאר מֶען לֵייגְט אַרַיין ווֵייץ אוּן עֶס קוּמְט אַרוֹיס פֵיינֶע מֶעל'; 'אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיךְ גְרֵייט אָן אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה וֶועג, זֵיי זָאלְן לֶעבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועג', - וֶועט מֶען הָאבְּן כֹּחַ צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאר לַאנְגֶע יָארְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רוּעֶן אִין עֶנְקֶערֶע מַעֲשִׂים, אָמֵן.

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## בִּיז וויפִיל מֶעג מֶען זָאגְן פַאר קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דַארְף מֶען צִיטֶערְן פוּן דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער? הֶערְנְדִיג אַלֶע שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז מֶען דַארְף אַרַיינְלֵייגְן אַהֲבָה וַוייל אוֹיבּ נִישְׁט קֶענֶען זֵיי אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעפַּאסְט אַז וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ מַיינֶע גְרוֹיסֶע קִינְדֶער צִיטֶער אִיךְ פוּן זֵיי, אִיךְ הָאבּ אַ פַּחַד אַז זֵיי קֶענֶען אָפְּפָארְן אוּן מַמָּשׁ יֶעדֶעס וָוארְט דַארְף זַיין גֶעמָאסְטְן אוּן גֶעוואוֹיגְן, וַוייל זֵיי קֶענֶען מִיךְ גוּט צוּפִיקְן...

אִיךְ לֵייג בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַרַיין לִיבְּשַׁאפְט, אָבֶער דָאךְ שְׁפִּיר אִיךְ אַז אִיךְ טוּ עֶס מֶער מַחֲמַת פַּחַד. אוּן וֶוער רֶעדְט וֶוען אִיךְ זֶע אַז מַיין אִינְגְל אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט עֶפֶּעס וֶוער אִיךְ גָאר שְׁטַארְק דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ וַוייז עֶס חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אַרוֹיס, אָבֶער אִיךְ קְלֶער צוּ מִיר: 'רַחְמָנָא לִיצְלָן! אִיךְ לֵייג אֶפְשָׁר נִישְׁט אַרַיין גֶענוּג לִיבְּשַׁאפְט, עֶר קֶען חַס וְשָׁלוֹם אָפְּפָארְן אִין גֶעצֵיילְטֶע יָאר'.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז פַאר חוּצְפָּה טָאר מֶען נִישְׁט מְוַותֵּר זַיין אוּן מֶען דַארְף זַיין שְׁטְרֶענְג. אִיז אָבֶער דִי שְׁאֵלָה: נָאר חוּצְפָּה? וָואס טוּט זִיךְ וֶוען אַ קִינְד פָאלְגְט זַיין יֵצֶר הָרָע מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס זַיין שֵׂכֶל אִיז נָאכְנִישְׁט מַשִּׂיג פַארְוָואס מֶען טָאר נִישְׁט, דַארְף מֶען מוֹרָא הָאבְּן אִים צוּ זָאגְן קְלָאר: "אִיךְ לָאז דִיר דָאס נִישְׁט טוּן אָן קַיין סִיבָּה! דוּ דַארְפְסְט מִיר פָאלְגְן"? בְּקִיצּוּר, וָואס אִיז דִי גְבוּל וָואס מֶען זָאל וִויסְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אַז דָאס קִינְד אִיז אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן וֶוען מֶען דַארְף ווִיסְן אַז חַס וְשָׁלוֹם צוּ פַּיינִיגְן וַוייל עֶר קֶען חַס וְשָׁלוֹם אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ו' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז דָא אַ מַאֲמַר הֶחָכָם: "מִן הַזְּהִירוּת - שֶׁלֹּא לְהִזָּהֵר"; דוּ זֶע אַרַיין צוּ לֵייגְן אַסַאךְ לִיבְּשַׁאפְט אִין דַיינֶע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ, זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין מִיט דִיר וְכוּ'. זֶע צוּ מַאכְן שֵׁיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת; דֶערְצֵייל שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת בַּיים טִישׁ, שְׁמוּעֶס מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, הֶער אוֹיס זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂיוֹת, אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר נִישְׁט אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט וְכוּ', זֶע אַז תּוֹרָה וּמִצְוֹות זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע זַאךְ בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, נִישְׁט קַיין וֵויינֶעדִיגֶע זַאךְ.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וֶועגְן נָאכְגֶעבְּן קִינְדֶער וְכוּ'; נָאכְגֶעבְּן אַ קִינְד אַלֶעס וָואס עֶר בֶּעט אִיז נִישְׁט לִיבְּשַׁאפְט, דָאס אִיז אַ שְׁוַואכְקַייט פוּן עֶלְטֶערְן, אַ שְׁוַואכְקַייט פוּן נִישְׁט קֶענֶען זָאגְן נֵיין. קִינְדֶער וָואס מֶען גֶעבְּט זֵיי אַלֶעס וָואס זֵיי טְרַאכְטְן אוּן אַלֶעס וָואס זֵיי בֶּעטְן וַואקְסְן אוֹיף נִישְׁט גֶעזוּנְט, וֶוען זֵיי וֶוערְן עֶלְטֶער קֶענֶען זֵיי זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען מִיטְ'ן לֶעבְּן, וַוייל נִישְׁט אַלֶעס קֶען מֶען הָאבְּן אִין לֶעבְּן, אָבֶער וִויבַּאלְד מֶען הָאט זֵיי נָאכְגֶעגֶעבְּן אַלֶעס וָואס זֵיי הָאבְּן גֶע'חָלוֹמְ'ט, זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט, קֶענֶען זֵיי נִישְׁט אָנְנֶעמֶען דָאס לֶעבְּן.

דוּ מִישְׁט צוּזַאם הוֹדוּ מִיט כּוּשׁ; אַז אַ קִינְד אִיז אוֹיפְגֶערֶעגְט וֶוען דִי עֶלְטֶערְן הֵייסְן אִים טוּן זַאכְן וָואס עֶר וִויל נִישְׁט, דָאס הֵייסְט נִישְׁט פַּיינִיגְן; וואוּ קוּמְט אַרַיין מוֹרָא הָאבְּן אַז עֶר וֶועט אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה וֶוען עֶר אִיז אוֹיפְגֶערֶעגְט וְכוּ', פַארְקֶערְט, אַז מֶען אִיז נִישְׁט מְחַנֵּךְ קִינְדֶער, מֶען לָאזְט זֵיי טוּן וָואס זֵיי וִוילְן, דֶעמָאלְט וֶועלְן דִי קִינְדֶער אַרוֹיס גֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, דֶערְפַאר פַארְשְׁטֵיי אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט וָואס דוּ פְרֶעגְסְט.

פַּיינִיגְן מֵיינְט וֶוען עֶלְטֶערְן פַארְשֶׁעמֶען דִי קִינְדֶער, מֶען נֶעמְט אַ קִינְד אוּן מֶען רַייסְט אִים אוּנְטֶער; לְמָשָׁל, מֶען וִויל דֶער קִינְד זָאל אוֹיפְרוּימֶען דִי שְׁטוּבּ, מֶען זֶעט אַז דֶער קִינְד דְרֵייְדט זִיךְ אַרוֹיס פוּן פָאלְגְן (אַזוֹי וִוי אַלֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער) טָאר מֶען נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען פֶּערְזֶענְלִיךְ: "דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן", "דוּ בִּיסְט אַ פוֹילֶער", וְכוּ' וְכוּ', דָאס הֵייסְט פַּיינִיגְן. נָאךְ אַ מָשָׁל, אַז עֶלְטֶערְן וִוילְן מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין צוּזַאמְגֶענוּמֶען וְכוּ', טָאר מֶען נִישְׁט אַרָאפּ רַייסְן דִי קִינְדֶער: "דוּ שְׁלָאךְ", "דוּ עֶקֶלְדִיגֶע וְכוּ'" - דָאס הֵייסְט פַּיינִיגְן. עֶלְטֶערְן וָואס טְשֶׁעפֶּען אוּן רַייסְן אַרָאפּ דִי קִינְדֶער, וֶועלְן דִי קִינְדֶער נִישְׁט נָאר אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, נָאר זֵיי וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן נֶערְוְון קְרַאנְקֶע.

אַזוֹי אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט צוּגְלַייכְן אֵיין קִינְד צוּם צְוֵוייטְן; מֶען טָאר נִישְׁט פָארְהַאלְטְן אַ קִינְד: "פַארְוָואס קֶענְסְטוּ נִישְׁט זַיין אַזוֹי וִוי דֶעם שָׁכֵנְ'ס קִינְד?" "פַארְוָואס קֶענְסְטוּ נִישְׁט זַיין צוּזַאמְגֶענוּמֶען אַזוֹי וִוי יֶענֶעם?" 'וֵוייסְט פַארְוָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין וִוי יֶענֶעם? וַוייל אִיךְ בִּין אִיךְ, אוּן יֶענֶער אִיז יֶענֶער'. דָאס אַלֶעס הֵייסְט פַּיינִיגְן, אָבֶער פַארְלַאנְגֶען פוּן קִינְדֶער צוּ הֶעלְפְן וְכוּ', דָאס דַארְף מֶען טוּן אוּן דָאס הֵייסְט נִישְׁט פַּיינִיגְן.

וְעַל כּוּלָם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זֶען אַסַאךְ נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ב, מכתב קנז)


**חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג**

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך

פון דער ראש ישיבה שליט"א

**אויף קול ברסלב**

**דרוקט: 1-2-4-2**

- שמעו ותחי נפשכם -





קוֹל בּרסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876